STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05754

LETSTE GEZANGEN

A. Almi

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אַלמי

לעצטע געזאַנגען

From the Library of

AVROM RUBINSTEIN

Founder-Member of the
South African Yiddish Cultural Federation
Cape Town Branch

He inspired all
with his love and knowledge of the Yiddish language
and his unique dramatic recitals of Yiddish poetry
(his DEKLEMATZIES).

א. אַלאי

לעצטע געזאַנגען

*

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון פאַרבאַנד פון וואַרשעווער און פראַגער יידן
אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס — 1954

Copyright 1954
by
Elías Sheps

Editado con la ayuda de la
Unión Residentes Israelitas de Varsovia y Praga
Buenos Aires, Cangallo 1760.

A. ALMI

ULTIMOS CANTOS

BUENOS AIRES
1 9 5 4

Este libro fué terminado de imprimir el día 20 de julio de 1954, en los "Talls. Gráfs. Zlotopioro Hnos.", Gascón 1231, Buenos Aires.

א י נ ה אַ ל ט :

לעצטע געזאַנגען — 7

מיט פאַרבראָכענע הענט

The show mus go on — 11
יום הדין — 13
Blackout — 15
געטאָ — 16
שמע ישראל — 18
וואָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אָ, גאָט? — 20
דער שטאָט־משוגענער — 22
געלע לאַטע — 25
איוב — 26

אַליין און באַנאַנד

אשרי האיש — 27
טאַנץ, טענצעריין, טאַנץ! — 28
ביכער — 30
מוראַשקעס — 31
אומעטום — 33
נאָך דער שלאַכט — 34
אַזעלכע אָוונטן — 35
לך־לך — 37
לאָמיר זינגען — 39
לחיים צום טויט — 40
טראָפּנס זון — 42
פּראָצעסיע — 43
דער נביא — 44
צווישן מיליאָנען — 45
כינעזער — 46
יעקב גייט — 47
אַלע זענען מיר פּאָעטן — 48

מלחמה — 50
צו דער טויב — 51
באַהעפטונג — 52
בריוו — 53
לויה — 54
מיטנאַכט — 55
ברידער — 56
וישמח משה — 57
דער איינזאַמער — 58
דוד עדעלשטאַט — 59
נח פרילוצקי — 60
וואַך אויף! וואַך אויף! — 61

אמר ר׳ יוחנן הסנדלר

א. דער עיקר — 62
ב. שטיוול — 64
ג. מזמור שיר לשוסטער — 64
ד. חכמה — 66
ה. שלמות — 67
ו. שכנים — 68
ז. לויב צו גאָט — 68
ח. באהבה — 69
ט. בראשית — 70
י. תהילים — 71
יא. צלם אלוהים — 72
יב. קלאַפּ, העמערל — 73
יג. הייליק — 74
יד. נישט קיין חילוק — 75
טו. סוד און דרוש — 76
טז. יידיש גרינס — 77
יז. על הנסים — 78
יח. ווערטער — 79

לעצטע געזאַנגען *)

„לעצטע געזאַנגען״ — דאָס איז ניט קיין מליצה, ניט קיין אָנשטעל, אָדער אַ קאַפּריז. דער נאָמען פון דערדאָזיקער קליינער לידער־זאַמלונג איז מיר דיקטירט געוואָרן סיי פון מיין געמיט־צושטאַנד, סיי פון דעם באַוווסטזיין וועגן דעם מצב פון דעם ייִדישן וואָרט.

דאָס איז ניט קיין באַשלוס מער ניט צו שרייבן קיין לידער. אַזאַ באַשלוס קאָן ניט אָננעמען קיינער, וואָס איז געבענטשט, אָדער פאַרשאָלטן, מיטן מיסטישן דראַנג זיך אויסצודריקן אין פערז, אָדער אין וועלכער־אַנדערער קינסטלערישער פאָרם.

אין יענע געציילטע פאַלן, ווען פאָעטן, אָדער דערציילערס, האָבן דער ליטעראַטור געוואָרפן דעם גט צו די פיס, מחמת עפּעס אַן עוולה קעגן זיי, האָבן די געקריוודעטע זיך שנעל געכאַפּט, אַז „גטן זיך מיט דער מוזע״ — מיטן אינערלעכן דראַנג — איז אַזוי מעגלעך, ווי אַנטלויפן פון זיך אַליין.

האָבן זיי טאַקע באַלד נאָכן גט ווידער חתונה געהאַט — מיט דער אייגענער באַשערטער...

דער נאָמען „לעצטע געזאַנגען״ רעגיסטרירט בלויז אַ באַשלוס ניט אַרויסצוגעבן מער קיין לידער אין בוכפאָרם, אפילו ווען מיין לעבנס־שפּאַן זאָל זיך אַביסל פאַרציִען.

אפשר דאַרף מען אַזוינס ניט מפרסם זיין בפני כל עם ועדה — שוין פשוט צוליב דעם, וואָס דאָס גייט קיינעם ניט אָן, ניט דעם גרויסן עולם לייענערס (און ניט־לייענערס) און ניט דעם קליינעם עולם פען־קאָלעגן, בפרט, אַז דאָס קומט פון איינעם, וואָס איז אַלעמאָל געגאַנגען אַליין, ביז

*) דידאָזיקע זאַמלונג האָט לכתחילה געזאָלט הייסן „לעצטע לידער״, נאָר דערוויסנדיק זיך, אַז די איבערגעבליבענע לידער פון מיכל ליכט טראָגן דעמזעל־ביקן נאָמען, איז דאָ געמאַכט געוואָרן די ענדערונג אויף געזאַנגען.

מחמת וועלכע־ס׳איז זייטיקע כוונות און חשבונות, נאָר מחמת — אַזוי איז זיין טבע פון קינדוויז אָן.

דאָס איז אַ טבע, וואָס הגם זי טוט קיינעם ניט די מינדסטע רעה, רופט זי אָבער אַרויס אַלערליי חשדים. עפּעס ׳איז ניט גלאַט מיט אַ שרייבער, וואָס געהערט ניט צו קיין שום קלייזל, אָדער קרייזל, אַפילו ויט צו אַ ליטעראַרישער גרופּע; וואָס קהלט זיך ניט, לאָזט זיך ניט הערן אויף פאַרזאַמלונגען און לעבט זיך אויס בלויז שרייבעריש...

אַזאַ איינער, וואָס גייט אַליין, מחמת טעמים פאַר אים אַליין פאַרבאַר־גענע, טעמים אפשר פּסיכישע און אפשר פיזישע (אויב דאָס ניט גרופּירן זיך מוז דווקא האָבן אַ טעם), רופט אַרויס ניט בלויז חשדים, נאָר אויך — שטראָף. וואָרן ביי אונדז (און אפשר ניט נאָר ביי אונדז) איז עס טאַקע אַזוי, אַז אויב מען שטופּט זיך אַליין נישט מיט די עלנבויגנס, קומט מען ניט אָן.

דערפאַר האָט געקענט טרעפן, אַז אַ קאָלעגע, אַן עסייאיסט און קרי־טיקער (אין בוענאָס איירעס), זאָל אין אַן איבערבליק (גראָד אַ פּאָזיטיוון) איבער דעם ערשטן באַנד פון מיינע זכרונות („מאָמענטן פון אַ לעבן״), אַ שרייב טון אגב־אורחאדיק, אַז דער מחבר איז „אויך״ אַ ׳דיכטער, וואָס ער איז ניט דערגאַנגען ווייטער ווי די עליאַש־לידלעך (שפּילעוודיקע לי־דער, וואָס איך האָב, אונטערן פּסעוודאָנים עליאַש, פאַרעפנטלעכט אין הומאָריסטישע זשורנאַלן, ס׳רוב פון זיי אין עלטער פון 15־16 יאָר).

האָט מען זיך טאַקע געחידושט — ניט נאָר איך אַליין — צי ס׳איז מעגלעך, אַז דער קאָלעגע, וואָס האָט אַזוינס געשריבן, איז באמת ניט באַקאַנט מיט מיינע לידער; אָדער ער האָט אין יענעם מאָמענט, דורך עפּעס אַ כישוף, פּשוט זיי פאַרגעסן — אַפילו „יוחנן הסנדלר״, וואָס איז אַזוי אָפט רעציטירט געוואָרן אין אַרגענטינע. אָבער ביים חידושן זיך איז עס געבליבן.

פאַרוואָס דער קאָלעגע, וועמען איך בין אסור ניט חושד אין שלעכטע כוונות, האָט ניט פאַרריכט דעם טעות, אָדער דאָס צייטווייליקע פאַרגעסע־ניש, נאָכדעם ווי מען האָט אים דערויף אָנגעוויזן — קאָן איך, נאַטירלעך, ניט ווייסן. אפשר האָט ער עס אָפּגעלייגט אויף אַ ספּעציעלער געלעגנהייט.

דאַרף אַזאַ באַצייונג וויי־טון איינעם, וואָס צווישן זיינע פינף־און־צוואַנציק ביכער זענען דאָ פ י נ ף לידער־זאַמלונגען; איינעם, וואָס האָט

אָנגעהויבן ווי אַ פּאָעט (ביי פּרצן), האַלט זיך ס׳גאַנצע לעבן פאַר אַ פּאָעט און וועט שטאַרבן אַ פּאָעט? אודאי טוט עס וויי.

האָב איך זיך דעריבער געשלאָגן מיט דער דעה, צי איך זאָל איצט — בעת דער ירידה פון יידישן וואָרט און דער אומבאַצאָלונג פון אונדזערע וואָרט־שאַפערס — אַרויסגעבן אַ זאַמלונג לידער. דער חשק צו זען די לידער פון די לעצטע יאָרן אין בוכפאָרם, האָט גובר געווען די יאושדיקע פראַגן: פאַר וועמען? ווער דאַרף עס? ווער וועט עס לייענען?

נאָך עפּעס: איך האָב אין פאַרלויף פון מיין לאַנגן ליטעראַרישן גאַנג — זינט דער פריִער יוגנט — קיינמאָל ניט געפּראַוועט (און ניט דערלאָזט, אַז אַנדערע זאָלן פאַר מיר פּראַווען) קיין ליטעראַרישן יום־טוב — צוליב מיינס אַ ניי בוך, אַ נסיעה, אָדער אַ יובילײ.

דאָס דערשיינען גופא פון מיינס אַ ניי בוך איז פאַר מיר געווען אַ יום־טוב, אַן אינטימער יום־טוב, אַ יום־טוב אין מיין געמיט.

הגם אין די לעצטע יאָרן האָט אויך דערדאָזיקער אינטימער יום־טוב פאַרלוירן אין מיר די פייערלעכקייט — צוליב דער אַרומיקער ירידה און גלייכגילט — האָט אין מיר אין אָט־די טעג אומגעריכט אַ פלאַקער געטון דער פאַרלאַנג אַרויסצוגעבן אַן אָפּקלייב פון מיינע לעצטע לידער און נאָך אַ באַנד זכרונות („אין געראַנגל מיט זיך אַליין״), וואָס וואַרט אין מאַנו־סקריפּט און דאַרף זיין אַ דערגאַנצונג פון מיין זכרונות־בוך „מאָמענטן פון אַ לעבן״, וואָס איז כמעט אַ צופעליק און פראַגמענטאַריש בוך.

און אָט ליגט דאָ פאַר אייך מיין לעצט בוך לידער — אַ זאַמלונג, וואָס נעמט אַריין די לידער פון „געזאַנג און געוויין״ (ניו־יאָרק, 1943), אַ ביכל, וואָס איז מחמת די מלחמה־באַדינגונגען געדרוקט געוואָרן אין אַ שטאַרק־באַשרענקטער צאָל עקזעמפּליאַרן און האָט נישט געגרייכט אויסער די גרענעצן פון דעם לאַנד, ווו ס׳איז אַרויס; ווי אויך אַן אָפּקלייב פון די לידער, וואָס איך האָב זינט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע ציימונגען און זשורנאַלן.

א. אַלמי

ניו־יאָרק, 1954

מיט פארבראכענע הענט

װ ל אַ ד ק ע ׳ ן —
מײַן טײַערער פֿרײַנדין,
דער װוּנדערלעכער העלדין
פֿון װאַרשעװער געטאָ.
א. אַלמי

✶

THE SHOW MUST GO ON (*

די פֿאָרשטעלונג גײט װײַטער אָן,
גאָטס שפּיל האַלט־אָן אומאױנטערבראָכן:
די זון פֿלאַמט פֿרײלעך, װי אַ פּאָן,
אױף דעם צעשמעטערטן בטחון.
די שטערן שמײכלען אױף דעם בראָך
און ס׳אײלן װײַטער זיך די ימען —
בעת ס׳ראַנגלט זיך דער מענטש אין יאָך
פֿון פֿינצטערניש, פֿון בײז, פֿון סמען.

די הימלען רימען אַלץ גאָטס כבוד,
זײַן חסד, שײנקײט און זײַן גבורה,
בעת ס׳בלוטיקט ס׳האַרץ פֿון מגן־דוד
און ס׳װײנען זעקס מיליאָן פֿון קבורה.
עס מיניען װײַטער זיך די פֿאַרבן
און ס׳חנדלט זיך דער רעגנבויגן —
װי ס׳װאָלט ניט מער געלעבט דאָס שטאַרבן
אין אבלס אױסגעװײנטע אױגן.

*) „די פֿאָרשטעלונג מוז אָנגײן" — אַ טעאַטער־טראַדיציע.

אוממעכטיק איז די פויסט — געהויבן
צו דעם טויב־שטומען אוניווערז —
ווי נישטיק ס׳איז דעם פרומענס גלויבן,
ווי נישטיק ס׳איז דעם דיכטערס פערז.
אין גאַנג פון זונען און גאַלאַקסן
האָט אונדזער גורל ניט קיין ווערט;
דער צער פון דורות האַלט אין וואַקסן
און ס׳בלייבט פון זעלבער וואָג די ערד.

די פאָרשטעלונג גייט ווייטער אָן,
גאָטס שפּיל האַלט־אָן אומאונטערבראָכן —
און ס׳זיצט דאָס רשעות אויפן טראָן,
אַטאָמען יובלען טויטס נצחון.
צי שיקסט אַ קללה, צי אַ לויב,
אַלצאיינס דיין וויינען, צי דיין מאָנען —
דו ביסט אַ הפקרדיקער שטויב
אין ווילדן ווירבל פון ציקלאָנען.

יום־הדין

אין יום־הדין — אין מיטן־נאַכט — אין מיטן וואָך —
שטייגט־אויף פון פלאַם, פון ברוך און בראָך —
אַ ייִד מיט פלאַקערדיקער באָרד
און גליִענדיקן וואָרט
און שטרעקנדיק צו גאָט אַ ברענענדיקן מחזור —
הייבט ער זיין קול אויף — און אַ געביילטע פויסט:
— דו אכזר!
דיין רשעות, אל צבאות, האָט זיך אַנטפּלעקט, אַנטבלויזט
דורך דיינע פינצטערע שליחים פון בערלין —
דאָס האָסט דו דאָך, גאָט, דורך זיי, געשאָכטן מיינע זין,
מיין ווייב און מיינע טעכטער!
דאָס האָסט דו דאָך, גאָט, דו קאָסמישער, באַזויפטער שעכטער,
געפירט אַ פאָלק צו דער עקדה,
ווי ס׳האָט אברהם, אונדזער זיידע,
געפירט אַמאָל זיין זון — אויף דיין באַפעל.
זע, אונדזער בלוט איז אויף דיין שוועל!
אַלמעכטיקער, וואָס בין איך קעגן דיר? אַ וואָרעם,
ווי אַלע קדושים אין די קברים —
דאָך שטיי איך דאָ פאַר דיר אין פעלד,
אָן פחד — און איך קלאָג דיך אָן
פאַר נאַכט און וועלט.
זאָל אונדזער אומגליק פאַלן אויף דיין טראָן,
זאָלסט קיינמאָל אינעם קאָסמאָס ניט קיין רו געפינען
און אייביק זאָל דיך פייניקן דאָס איכה־ליד
פון ברענענדיקן ייִד,
וואָס איז אַראָפּ פון זינען!

די נאַכט שטאַרבט־אָפּ. דער מזרח גרויט. ווי טרערן
פוןביימער טריפן, טריפן טראָפּנס פינקלדיקער טוי.
דער ברענענדיקער ייִד — פאַרראַטעוועט פון גאָט און גוי —
פאַרלעשט זיך מיט די לעצטע שטערן.

BLACKOUT (*

פאַרלעשט! פאַרלעשט! עס וואָרענען סיגנאַלן, עס וויינען די סירענעס,
ווי אין דער מדבר־נאַכט — היִענעס.
פאַרלעשט אַוו אַ פונק, אַ טראָפּן ליכט, אַ ביסל שיין —
יהי חושך! פינצטערניש זאָל זיין!
און ווי דורך כשוף־האַנט פאַרלעשן זיך די פענצטער און לאַמטערן.
לבנה גיט דעם לעצטן צאַנק און לעשט זיך מיט די שטערן.
דער רינג אַרום סאַטורן
ווערט שוואַרץ אין פינצטערן נאַקטורן.
און איינס נאָך איינס פאַרלעשן זיך די צען לבנות פון יופּיטער.
דער בעטלגיז גייט־אויס אין לעצטן ציטער.
נעבולאָס און גאַלאַקסן
ווערן איינס מיט פינצטערניש, וואָס האַלט אין וואַקסן —
אין וועלט־רוים און אין אונדז, אין אונדזער לייב און גלידער.
שטאָק־פינצטער אונדזער אָטעם, אונדזער וואָרט און לידער.
בני אָדם יושבי חושך וצלמות —
פאַרלאָשן איז אין אונדז דאָס ליכט — דער עמוד־אש — פון אבות.
מיט אויגן אויסגעלאָשענע, מיט אַ פאַרלאָשן לשון
און בלינדע פינגער טאַפּן מיר די וועלט, וואָס האָט זיך אויסגעלאָשן,
די וועלט פון סיני און אָלימפּוס — אירע לייכטנדיקע האָרבן —
און שוואַרצער פחד שרייט אין אונדז: גאָט איז געשטאָרבן!
גאָט איז געשטאָרבן!

---

*) פאַרטונקלונג.

געטאָ

לענג־אויס צעקרימטע געסלעך — די דיקע געטאָ־מויער.
דער ווינט רייסט בייז דעם שווערן, שוואַרצן שלאָס.
ס'איז מיטן נאַכט. ווער קלאַפּט? עס קלאַפּט אַ האַנט אין טויער:
„שטייט אויף, געפּייניקטע, שטייט אויף צו חצות!

„שטייט אויף צו קללה אויפן שונא און צו תפלה —
שטייט אויף און קלאָגט אַרויס פון זיך דעם צאָרן און דעם גיפט;
זעט: אויפגעוויקלט איז דער הימל־רוים ווי אַ מגילה
און ס'ברענט דורך פינצטערניש די שטערן־שריפט.

„די שריפט דערציילט, דערציילט — פאַרצייטישע באַלאַדן —
צי הערט איר ניט די טריט די שווערע דורך דער געטאָ־צוים? —
חילות... מחנות... אַנטיוכוס... נבוזראדן...
טריומף־געשריי פון פרס און פון רוים.

„די זעלבע שטערן האָבן דעמאָלט אויך פאַרשריבן
דעם אָנהייב און דעם סוף פון קריגער־מאַרש דורך שטאָט און פעלד;
פאַרטריבן זיינען די, וואָס האָבן אייך געטריבן
און איר — אין געטאָס — זיינט געוואָרן: וועלט.

„דער בלוטיקער גערמאַן — דער פייניקער און צוימער —
אויך ער קאָן ניט פאַרצוימען מיט אַ וואַנט דעם אוניווערס;
זעט: ס'פאַלט אויף אים דער שאָטן פון דעם לעצטן רוימער,
די שאָטנס פון דעם יון און דעם פּערס.

„וואָס איז אַ מויער פאַרן פאָלק, וואָס האָט צעבראָכן
די צוימען אַלע צווישן מענטש און מענטש — און מענטש און גאָט;
צעטראָגן איבער גאָרער ערד גאָטס נאָמען און בטחון
און איינגעקריצט אין אייביקייט: אחד?!

„שטייט אויף צו חצות! געפייניקט לייב און גלידער
און גאָט און שטערן זיינען איינס אַצונד;
די נאַכט איז אַ שוואַרץ־טאָוולדיקער אַלטער סידור,
די גאַנצע וועלט — איין אויפגעיערטע ווונד.

„שטייט אויף צו חצות, איר שטאָלצע, גאָט־געקושטע שלעפער,
מיט געלער לאַטע און אַ האַרץ מיט בראַנד;
מיליאָנען ביי דער טעמזע, האָדסאָן, דניעסטער, דניעפּער
דערהייבן זיך צום רוף מיט אייך באַנאַנד.

„שטייט אויף, געפייניקטע, צו קללה און צו תפלה
און קלאָגט־אַרויס פון זיך דעם וויי און צאָרן פון מעת־לעת;
דער הימל־רוים — אַן אויפגעוויקלטע מגילה —
די נאַכט איז גרייט פאַר חשבון און פאַר נס!"

שמע ישראל

די מיטן־נאַכט האָט פּלוצים אויפגעריסן מיט געשריי,
געשריי וואָס טראָגט אין זיך יאָרהונדערטער פון וויי — — — —
און פענצטער האָבן אויפגעפראַלט זיך צו דער נאַכט,
קעפּ האָבן, פון אַ טיפן שלאָף דערוואַכט,
געזוכט דאָס קול אין פינצטערן אַרום,
וואָס איז געלעגן איינגעוויגט און שטום —
נאָר אין דער שטילקייט האָט זיך נאָך געהערט
ווי ס'ציטערט דאָס געשריי און וויגט די ערד — — —
ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל!

אַן אומרו האָט אין הערצער זיך צעשפּרייט
און פּחד האָט פון יעדן לייב געוויט.
מיט יעדן נערוו און חוש האָט איטלעכער געהערט
ווי ס'טרייסלט זיך דער אינגעווייד פון דר'ערד
פון דורות־אַלטן יידישן געשריי:
שמע־ישראל! פּאַרנעם, גאָט, אונדזער וויי!
און מאַן און ווייב און יונג און אַלט און קינד
געלאָזן האָבן זיך אין גאַס אַריין — און בלינד
געטאַפּט מיט לייב און פינגער דאָס געשריי:
ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל

שמע ישראל — ס'אייביקע געשריי,
וואָס רויטער איז פון בלוט און ווייסער פון דעם שניי,
גרינער פון דעם בוים און שוואַרצער פון דעם טויט,
טיפער פון דעם הונגער, שאַרפער פון דער נויט;
קעלטער פון דעם חלף, הייסער פון דעם בליץ —
געוויין, געזאַנג און ציין־געקריץ.
דאָס קול פון מדבר און פון שייטער־פלאַם,

דאָס קול פון פאָלק, וואָס איז אי ליִיב, אי לאַם,
אַ האַר און קנעכט, אַ שטאָלצער און פאַרשפּאָט.
צען טויזנט מאָל געטויט — און אייביק דאָך, ווי גאָט.

הענט האָבן זיך אין פינצטערניש געשטרעקט
און איינער האָט דעם אַנדערן געפרעגט
אויף יעדער שפּראַך פון וועלט און אויפן ווונק,
מיט אַ דערשראָקן אויג און אַ צעברענטער צונג:
פון וואַנען קומט דאָס קול, וואָס בריט ווי פלאַם
און בלוטיקט ווי אַ ווונד און רוישט ווי ים?
צי קומט עס פון דער הויך, צי פון דער טיף?
פון אינדזל, צי פון זינקענדיקער שיף?
נאָר איינער האָט דעם צווייטן נישט געהערט,
געשניטן האָט דאָס קול, ווי שאַרף פון שווערד:
ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל

שמע ישראל!
און אין אַ שטורעם איז צעוואַקסן דאָס געשריי —
מיליאָנען קולות אין איין קול פון וויי.
צוויי טויזנט יאָרן האָבן מיטאַמאָל
צעשריגן זיך, באַהאָפטן אין איין קול
און מיטגעשריגן האָבן תהום און רוים,
די מויערן אין שטאָט און אין דעם וואָלד דער בוים,
די כוואַליעס אין דעם ים און ס׳גראָז אין פעלד.
איין גרויס געשריי געוואָרן אין די גאָרע וועלט:
ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל

וואָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אָ, גאָט?

וואָס שפּילסטו זיך מיט אונדז, אָ, גאָט?
דאָס פייער, וואָס פאַרצערט אַ שטאָט,
דער פולווער, וואָס צערייסט אַ לייב —
זיי זיינען דיין — דיין צייט־פאַרטרייב.

נישטאָ איז דאָך קיין אַנדער קוואַל
פון ליכט און פרייד, פון גיפט און גאַל,
פון ווילדן אויפברויז און פון רו
חוץ דיר, אָ, גאָט — דען אַלץ איז דו.

יאָ, אַלץ איז דו און דו ביסט אַלץ:
דער בוים, דאָס גראָז, דאָס ברויט, דאָס זאַלץ
און אויך דער חלף אויפן האַלדז
און ס׳חיהשע געברום דעם וואַלדס.

דיין חכמה שרייט פון פולעמיאָט,
פון יעדער שרויף, פון יעדן ראָד,
פון יעדער באָמבע, יעדער קנויט,
וואָס שפּרייט פאַרוויסטעניש און טויט.

אין סוויסטשען פון שראַפּנעל — דיין קול.
אויף בראָך און אומגליק — אַזאַ זול.
טיילסט־אויס יסורים מיט אַ פולער האַנט
פאַר יעדן פאָלק, פאַר יעדן לאַנד.

מיך עקלט דער, וואָס ליגט אין שטויב
און שיקט דיר פאַר זיין צער אַ לויב,
אַ לויב פאַר בלוט, פאַר ווי און ווינד,
פאַר אַ געקוילעט ווייב און קינד.

אָ, איוב, שריי מיט אונדז ס׳געשריי
פון די יאָרהונדערטער מיט וויי!
שעלט גאָט און שטאַרב איצט נאָכאַמאָל
מיט אונדז באַנאַנד — אין יאָמערטאָל.

צי קען גאָטס שטראָף זיין מער ווי טויט?
און טויט איז ביליקער פון ברויט.
דאָס לעבן ליגט פאַרהונגערט, מאַט
און בלויז דער טויט פרעסט צו דער זאַט.

פאַרשאַפט דיר דאָס הנאה, גאָט?
הער! פון דער ברענענדיקער שטאָט
קייכט ווילד אַ חוזקדיקע שטים:
„דאָס ברענט דער צלם־אלוהים!״

דער שטאָט־משוגענער

תקיעה, שברים... ווער בלאָזט שופר — תרועה, שברים —
אין מיטן נאַכט דאָ, אויפן געטאָ־מויער?
איך, דער שטאָט־משוגענער, שאַל איבער קברים
דעם שופר־גדול פון דעם לעצטן טרויער!

איר זענט מיר נאָכגעלאָפן אין די גאַסן,
געחוזקט און געשלעפּט מיך ביי די פּאָלעס —
און נישט געוווּסט, אַז איך, דער שטאָט־משוגענער,
בין גאָט — דער גאָט פון אומגליק און פון גלות.

אַ גאָט אין שמאַטעס, מיט אַ געלער לאַטע
און מיט אַ מגן־דוד אויפן אָרעם —
דער גאָט פון חורבות און פון שייטערהויפנס,
דער גאָט פון הונגער, טיפוס און פון קברים!

אַלע שטעט און לענדער זענען מיינע, מיינע,
אַלע טייכן, אַלע בערג און אַלע ימען;
פרעגט ביי דער לבנה אויבן, ביי די שטערן,
פרעגט אַברהמען און רחלען — אונדזער מאַמען.

שטייט־אויף איר הונגעריקע, קראַנקע, וויסטע,
אַרויס קומט פון די חושכדיקע תפיסה־שטיבער;
געהאָנגענע, אַראָפּ פון אַלע תליות,
קומט, גוססדיקע — אין דעם טיפוס־פיבער!

געשאָכטענע, פאַרגוואַלטיקטע — איר אַלע,
איר, מאַנצבילן, ווייבער, אייניקלעך און זיידעס —
קומט אַלע איצט אַרויס אין גאַס, אין חושך,
און זייט אויף אַלע דורות — מיינע עדות!

זייט עדות פון מיין גבורה און מיין בשורה!
הערט! תקיעה, שברים, תרועה, שברים, שברים!
דאָס רוף איך יענעם אויבן, יענעם ווייטן,
וואָס האָט פאַר איך נאָר אומגליק, צער און קברים.

הפקר, ווי דער ווינט, האָט ער איך דאָ געלאָזן,
אוי, הפקר פאַר די רוצחים, פאַר די שענדער —
דער האַקנקרייצלער האָט געשפּרייט אַ קבר
פאַר אונדזער אומה איבער צוואַנציק לענדער.

און דו — ווו ביסטו איצט, אל מלא רחמים?
אל מלא רחמים — שטיינער מוזן לאַכן!
נישטאָ קיין רחמים און נישטאָ קיין חסד —
בלויז האַס און בראַך און פלוך אויף אַלע שליאַכן!

בלויז האַס און בראַך — און איך, דער שטאָט־משוגענער,
בין גאָט, דער מלך פון מלכים;
דיין טראָן איז מיינער פון איצט אָן אויף אייביק
און מיר געהערן אַלע תפילות, אַלע שבחים!

האזינו השמים, הערט, איר הימלען,
פאַרנעם, דו ערד, מיין אויסגעשריי אַצונדער —
אני — דער גאָט פון אומזין און פון חורבן —
וועל פון דער געטאָ־מויער פּלייצן ווונדער.

זעט, זעט, זיי קומען־אָן פון אַלע זייטן,
פון שטיבער און פון גריבער און פון פלאַמען!
איבער זיי — אַ פייערדיקער מגן־דוד,
אונטער זיי — צעשפּאַלטן זיך די רויטע ימען.

כ׳שפרייט מיינע הענט אויס איבער קעפּ מיליאָנען —
און בענטש אין נאַכט און טויט די שוואַרצע עדה —
ס׳רייסט הבלס גסיסה־קול אַדורך דאָס שווייגן
און ס׳הילט אונדז איין דער פלאַם פון דער עקדה.

האָפּ־האָפּ — קומט טאַנצן, לאָמיר אַלע טאַנצן —
אַט־אַזוי — דורך פייער און דורך פלאַמען טאַנצן —
די לבנה אין דער מיטן — דרייט זיך, דרייט זיך,
ראָד און רעדער — פלינקער, פייערדיקע קראַנצן!

יתגדל ויתקדש... תקיעה, שברים — — — — —
העי, גיכער, העכער, שנעלער, פרייער, פרייער!
אַלע זענען מיר איין פלאַם — די וועלט צו צינדן,
פאַרברענט זאָל ווערן וועלט אין אונדזער פייער!

געלע לאַטע

פאַמעלעך לעשט זיך אויס די זון אין געלן גאָלד.
די פעלדער זויגן לעצטע שטראַלן — זאַטע;
לעצט ליכט... לעצט גאָלד... די זון אין מערב־האָריזאָנט —
אַ געלע לאַטע.

די נאַכט קומט אָן מיט שטילע, טרויעריקע טריט.
לבנה שאַרט זיך, ווי פאַרשעמט, אַ מאַטע;
לבנה געל... לבנה איבער גאָרער וועלט —
אַ געלע לאַטע.

צום הימל האַלט אַזוי געווענדט דיין שטאָלצן בליק
און מיט דיין בליק קריץ־אויס אין בלאָ די דאַטע:
יאָר ניינצן־פערציק — צייט פון ראַדיאָ, עראָפּלאַן
און געלער לאַטע.

די צייט פון האַקנקרייץ. די וועלט — אַ תפיסה־צעל.
ווער יאָמערט אַזוי עלנט הינטער גראַטע?
דאָס יאָמערט גאָט און פון זיין קלייד, ווי שכינה, שיינט —
אַ געלע לאַטע.

איוב...

דורות לעשן זיך, ווי שטערן
און צינדן זיך שוין מער נישט אָן;
מיט קינס צייכן אויפן שטערן
זיצט אל־שדי אויפן טראָן.

איוב שטייט פאַר אים אַ שטאָלצער
און מאָנט חשבון, ווי אַ האַר —
פאַר דורות טרויער, טויט און אומגליק,
פאַר יאָרהונדערטער פון צער.

איוב הייבט אַ פויסט: „באַשעפער,
אין בלוט פון דורות זינקט דיין טראָן;
פאַר אַלע דורות מאָן איך חשבון,
פאַר שרעק און טויט קלאָג איך דיך אָן!"

שטערן לעשן זיך, ווי דורות.
שטאָק־פינצטערניש. געוויין. קאָשמאַר.
גאָט שטייגט אַראָפּ פון טראָן און בוקט זיך
פאַר איובן, זיין שטאָלצן האַר.

אליין און באנאנד

★

אַשרי האיש

אַשרי האיש —
ס׳תהילימל אויפן טיש
ליגט אָפן און אַלייך,
ווי אין מדבר — אַ געוויין — —
און האיש, דער מענטש איז נישטאָ
אין אַזאַ שפּעטער, פינצטערער שעה.

ווּ איז דער מענטש?

סובמאַרינען אין דער טיפעניש פון אָקעאַנען.
אַ מייל אַ רגע איילן עראָפּלאַנען
די ראַדיאָ ליאַרעמט פיר און צוואַנציק שעה —
און דער מענטש איז נישטאָ.

ווּ איז דער מענטש?

ס׳צעקרישלען זיך, ס׳צעשפּריצן זיך אַטאָמען.
דער גאַנצער קאָסמישער פענאָמען
וואַרט — אַן איינגעפּרעסטער אין איין שעה —
און דער מענטש איז נישטאָ.

ווּ איז דער מענטש?

אַשרי האיש —
ס׳תהילימל אויפן טיש
ליגט אָפן און פאַרשעמט
אין דער אייביקער און וויסטער פרעמד
און ס׳וויינט דאָס תהילימל אין שפּעטער שעה:
נישטאָ דער מענטש — נישטאָ.

טאַנץ, טענצערין, טאַנץ!

טאַנץ, טענצערין, טאַנץ,
טאַנץ מיך, טענצערין, אויס —
אין ברענענדיקער וועלט,
אין פלאַקערדיקן הויז.

אַ טאַנץ בין איך, אַ טאַנץ
פון ביינערנעם געפלעכט;
און אין געפלעכט — געפעכט
פון ווילדע טעג און נעכט.

אַ טאַנץ, אַ טאַנץ אַזאַ,
אַ טאַנץ פון צער, וואָס לאַכט;
אַ טאַנץ, וואָס וויינט אין פרייד,
אַ טאַנץ — נישט דאָ געדאַכט.

אַ טאַנץ בין איך, אַ טאַנץ —
אַ טאַנץ, אַ מענטש, אַ פערז;
אַ דריידל אין גערדריי
פון מעשי אוניווערז.

טאַנץ, טענצערין, טאַנץ,
דעם טאַנץ פון מענטש און אות,
פון גאָרנישט און פון אַלץ,
פון אָנהייב, סוף און חצות.

אין דיין יעדן שווינג,
אין דיין יעדן בויג —
ציטער פון מיין בלוט,
פייער פון מיין אויג.

טאַנץ, טענצערין, טאַנץ,
טאַנץ מיך, טענצערין, אויס —
אין ברענענדיקער וועלט,
אין פלאַקערדיקן הויז.

ביכער

מיין שטוב איז איבערפולט מיט נאַכט און שטילקייט,
פון וואַנט צו וואַנט, פון סטעליע ביזן דיל;
נאָר ווערטער רייסן זיך צו מיר פון שאַפּעס ביכער
און פאַלן אויף דער ערד, דערשטיקט און שטיל.

איך שפּאַר זיך מיט מיין גוף דורך נאַכט און שטילקייט,
פאַרעקשנט און פאַרצווייפלט — טריט נאָך טריט;
און רעד זיך איין געדאַנק דורך מיט די ביכער —
מיט דורות רייד באַהעפט זיך מיין געמיט.

רייד רייסן זיך אַרויס פון תפיסה־טאָוולען —
אַ שאָרך... אַ שטילער מורמל פון אַ בלאַט;
קאָנפוציוס וויל מיר, דאַכט זיך, עפּעס זאָגן
און ס׳האָט זיך עפּעס־וואָס דערמאָנט סאָקראַט.

איך הער זיך איין מיט אַלע אברים, נערוון:
שפּינאָזאַ שושקעט עפּעס צום רמב״ם — — —
נאָר... ווערטער פאַלן טויט אין נאַכט און שטילקייט,
ווי שמעטערלינגלעך אינעם ליכט פון פלאַם.

איך טרעט אויף טויטע ווערטער פון די דורות,
געפאַנגען אין דעם שווייגן — שעה נאָך שעה;
אַזוי פיל שיינע רייד, אַזוי פיל חכמה,
אַ בוך אויף בוך — און ס׳איז קיין פרייד נישטאָ!

מוראַשקעס

ביי מיינע פיס — אימפעריעס, װוּנדערלעכע קיניגרייכן
פון מוראַשקעס — פון דראָבנע, אָבער שטאָלצע ראַסן;
און קיניגנס און אויבערהאַרן — ווער איז זייער גלייכן?
און שקלאַפן פיל מיליאָנען, אַרבעטסזאַמע מאַסן.
אַן אייביקער געלאַף, געאייל, אַן אומאויפהערלעך יאָגן,
געביי און קאַמף, אַן אייביק שאַפן און צושטערן
ווי פון אַ בלינדן ווילן — צי פון געהיימען ציל — געטראָגן
דורך טויטן און געבורט, דורך ווערן און נישט־ווערן.

וואָס טרייבט זיי, אָט די דראָבנע ברואימלעך, אין זאַמד באַגראָבן?
וואָס איז דער זין פון זייער זאַמדיק, פלייסיק קריכן?
מסתמא אויך חכמים צווישן זיי פאַראַן, וואָס האָבן
געפונען סוד און זין אין זיין פון מילבן־איכן.
צי ווייסן זיי אויך פרייד און צער, צי האָבן זיי באַגערן?
איך זע נאָר, ווי ס׳באַוועגן זיך די פעלקער־שטויבן;
און איך, דער מענטש — אַ גאָט, וואָס נישט זיי קענען זען, נישט הערן —
איך קוק אויף זיי אַראָפּ מיט ביטול־שפּאָט פון אויבן.

איך ווייס מיין מאַכט. זיי קענען מיין קאַפּריז, מיין ווילן נישט ווייכן.
איין נישטער מיט מיין מינדסטן פינגער, בלויז אַ גראַבל —
און ס׳ווערן חרוב, אָפּגעווישט אימפעריעס, קיניגרייכן
און פעלקער ווערן אויסגעראָט, ווי דורך אַ מבול.
אָט ברעך איך אָפּ אַ צווייג און מיש־צונויף צוויי מילבן־לענדער —
אַ ווילדע פּאַניק — טויט־געראַנגל — מאַסן־קברים — — —
איך בין אַזאַ אַלמאַכטיקער! כ׳מאַך חרוב און פאַרענדער — —
קאַפּריז פון טויט און לעבן וויגט מיין שטאַרקער אָרעם.

כ׳הייב־אויף מיין קאָפּ פאַרטראַכט. און ווער איז איבער מיר, דאָרט אויבן?
צי זיצט נישט דאָרט אַ לץ אַזאַ, ווי איך — אַ גיבור —
און קוקט מיט שטאָלץ און שפּאָט אַראָפּ אויף אונדז, די מענטשן־שטויבן,
אויף אונדזערע אומשטיינס־געזאָגטע לענדער־גריבער?
וואָס איז אים אונדזער טרויער, אונדזער אומגליק און יסורים,
ווען ס׳קאָרטשעט אונדזער גוף זיך און די ציינער קריצן?
אָט שיקט ער אָן אויף אונדז — אין זיין קאַפּריז — אַ חורבן־שטורעם
און לאַכט פון אונדזער צער מיט דונערן און בליצן.

אַ, מוראַשקעס! נישט איר זענט נידעריק, נישט איך דערהויבן.
איין גורל איז באַשערט פאַר מילב און מענטשן־ריזן;
ס׳קען יעדע וויל צעטרעטן אונדז אַ פוס פון אויבן,
ווייל אויבן איז — נישט דין, נישט רחמים — נאָר קאַפּריזן.
פון אויבן לויערט תמיד הפקר, חורבן אומגעריכטער.
די ערד איז בלויז אַ גורל־שפּיל — אַ פונקט — אַ ציפער;
וויי־וויי דער מילב, וויי־וויי דעם מענטש און ווייער נאָך דעם דיכטער,
וואָס פילט דעם טיפן צער פון נישטיקייט נאָך טיפער.

אומעטום

מגדל דוד, כינעזישע מויער —
אומעטום דער זעלבער טרויער.

פּירעניייען, הרי יהודה —
אומעטום אַ לעצטע סעודה.

ביי ירדן, דניעפּר, דאָניי, טיבער
טראָגט זיך אונדזער קלאָג בציבור.

טויט־גרימאַסע אין יעדן שפּיגל.
בלוט פון קינדער אין יעדן ציגל.

אַ קרבן ברענט אין יעדן פייער.
אויף יעדן בוים הענגט אַ באַפרייער.

נאָך דער שלאַכט

אַהיים געקומען מיד פון בייזן טאָג־יאַריד
און פונעם אָוונט אין אַ רוישיקער קאַפּיי — — —
און מיטאַמאָל דערפילט דעם טרויער פון אַ ליד,
דעם ווייטיק פון אַ נישט־געשריגענעם געשריי.

אַצינד בין איך אַליין — אַליין מיט זיך און נאַכט
און ס׳דאַכט מיר: כ׳בין אַ זעלנער, וואָס האָט אויפגעוואַכט
אין ווונדן, נאָך אַ שלאַכט, אַליין אין פעלד —
און פילט ווי ס׳בלוטיקט אין זיין לייב די וועלט.

ס׳איז טיפע נאַכט אין אים. און ער — אַ נאַכט אין נאַכט.
ווער האָט געזיגט און ווער פאַרלוירן האָט די שלאַכט?
דער זיגער און באַזיגטער זענען שוין נישטאָ.
ס׳איז דאָ בלויז נאַכט און טויט און הונגעריקע קראָ.

די שטערן און גלגלים גייען זייער גאַנג.
איז בלויז דער ערד־פּלאַנעט אַזוי פאַרסמט און קראַנק?
די נאַכט איז טויב און שטום. די פינצטערניש — אַ שטיין.
דער זעלנער אויפן פעלד — ווי איך אין שטוב — אַליין.

אַליין, אַליין — אויך גאָט איז ווו אַליין און שטום,
ווי איך און ווי פאַרלאָזטער זעלנער אויפן פעלד — — —
און ס׳נעמט אַזאַ רחמנות פלוצים מיך אַרום
אויף זיך אַליין, אויף יעדן מענטש, אויף גאָט און וועלט.

אַזעלכע אָוונטן

ס׳זענען אַזעלכע אָוונטן דאָ,
ווען שווייגן לאָדט־אָן יעדע שעה,
ווי אין אַ וועלט, וואָס נישטאָ,
ווי אין אַ וועלט — אויסגעטראַכט
בלויז אויף אַן איינציקער נאַכט.
און איך אַליין — איך און נישט איך,
אַזוי ווי אַ פרעמדער ביי זיך,
ווי ס׳וואָלטן מיך היינט נישט דערקענט
דאָס בעט און דער טיש און די ווענט — — — —
און ווען מיין שאָטן פאַלט
אויפן שפּיגל־גלאָז — גלאָצט מיין געשטאַלט
פאַרוווּנדערט: ווער איז ער, אָט־דער,
וואָס דרייט זיך אַהין און אַהער?
און איך און די סטעליע און דיל —
איין שווייגנדיק־שטומער „שאַ־שטיל״.

איין שווייגנדיק־שטומער „שאַ־שטיל״ —
איך און די סטעליע און דיל.

שפּאַן איך אַזוי שעה־אויס און שעה־איין
אין אָוונט פון זיין און נישט־זיין
און ס׳פאַלט אַ מחשבה מיר איין:
כ׳בין אפשר אַמאָל שוין געווען
און אַלץ, וואָס געזען און געשען,
איז עבר — אַמאָל און אַמאָל —
דערפאַר הער איך איצט נישט קיין קול,
נישט קיין שאָרך, נישט קיין קלאַנג, נישט קיין טאָן
פון דער טיר, צי פון דעם טעלעפאָן,
נישט אין זיך און נישט אין אַרום —

און ס׳זאָגט וואָס אָן ווערטער מיר, שטום:
ביסט אַ גייסט, ביסט אַ גייסט, ביסט אַ גייסט,
וואָס וואָגלט, וואָס בלאָנדזשעט, וואָס שפּרייזט —
און דו און די סטעליע און דיל —
איין שווייגנדיק־שטומער „שאַ־שטיל״.

איין שווייגנדיק־שטומער „שאַ־שטיל״ —
איך און די סטעליע און דיל.

וואָלט אַ ציטער געטון כאָטש אַ שויב,
וואָלט אַ מויז זיך געראָיעט אין דרויב!
נאָר... פּלוצים גיט מיך וואָס אַ הויב,
אַזאַ כוח אַ פרעמדער, אַ שרעק
און איך גיב זיך אַ וואָרף און אַ שטרעק
צו דער טיר, צו די טרעפּ, צו דער גאַס
און איך טראָג זיך — אַ ווילד משוגעת —
און קוק יעדן אין פּנים אַריין,
צי ער זעט מיך, צי ער ווייס פון מיין זיין — —
און יעדער פאַרוווּנדערטער קוק
און איטלעכער קלאַנג אויפן ברוק,
שרייט אויס אין מיר: ברוך־הבא!
דו ביסט דאָ, דו ביסט דאָ, דו ביסט דאָ,
ווי דער הונט, די מאַשין און דער בוים —
אַ בילד אין דעם ראַם פון דעם רוים.

אַ בילד אין דעם ראַם פון דעם רוים —
ווי דער הונט, די מאַשין און דער בוים.

לך־לך

לך־לך — אברהם, גיי!
גיי אין זון, אין ווינט, אין שניי — —
און אברהם נעמט דעם שטעקן,
שרה — קישנס, פאַן און בעקן
און מען וואָגלט טריט־ביי־טריט
און פון הינטן גייען־מיט:
יצחק, רבקה, יעקב, לאה,
רחל, שאָף און רינד — אַ מאה;
און מען וואַנדערט און מען שפּאַנט —
שטאָט נאָך שטאָט און לאַנד נאָך לאַנד.

משה זעט— פון סיני הויך:
אבות גייען — גייט ער אויך.
גייען אהרן און צפּורה,
גייט די שכינה און די תורה;
מרים — מיט איר פּויק פאָרויס
און נאָך איר גייט קליין און גרויס,
שישים ריבוא ייִדן גייען,
גייען, גייען לאַנגע רייען
מיט געפּעק און מיט געזאַנג
אין געדראַנג אין וייטן גאַנג.

הערט דער מלך שלמה טריט.
ייִדן גייען — גייט ער מיט.
שפּאַנט דער בלינדער צדקיהו,
שפּאַנט דער נביא אליהו
און שולמית, פלינק און גרינג,
שפּאַנט און טראַכט פון שלמהס רינג
און זי הערט נישט ווי ישעיה

רעדט פון פרידן, פעלקער פרייע
אין די קומענדיקע טעג —
ווו עס פירט דער וואַנדער־וועג.

וואַקסט און וואַקסט אַלץ דער פּאַראַד
פון די דורות נע־ונד —
גייט נחמיה, גייט אַביי,
רב אַבטליון און רב שמעיה,
טרומפּעלדאָר און משה העס,
גייט רב מאיר דער בעל־נס,
גייט רב נחמן פון בראַצלאַווע,
גייען שטאָלץ חלוצים בראַווע
נאָכן בת־קול: לך־לך —
און קיין רו איז אַלץ נישטאָ.

לאָמיר זינגען

לאָמיר זינגען אַ געזאַנג,
שירה, שירה — אַ געזאַנג,
אַ געזאַנג —
נישט פון חוהן מיט דער שלאַנג,
נישט פון קינס שוואַרצער זינד,
נישט פון בראָך און בלוט, וואָס רינט,
נייערט שירה — אַ געזאַנג
פון דעם לעצטן־לעצטן גאַנג
צו משיחן בן דוד,
אַ געזאַנג פון פרייד און כבוד — — —
פון אור־כשדים, ארם־נהרים
און פון גושן אין מצרים,
ביזקל קראָקע און שאַנכיי,
ביזקל ברוקלין און טערקיי,
ביזקל קריק קיין ירושלים,
דאָרט צו מאַכן אַ לחיים
מיט משיחן דעם האַר,
מיט משיחן דעם שר —
און דערפאַר
לאָמיר זינגען אַ געזאַנג,
אַ געזאַנג פון לעצטן גאַנג,
שירה, שירה — אַ געזאַנג,
אַ געזאַנג —
גאָט צו דאַנק!

לחיים צום טויט

אַז משה איז טויט,
קאָנפוציוס, סאָקראַט,
שפינאָזאַ און יום —
איז טויט אַזאַ פשט,
איז חכמה דער טויט,
און אמת און דין,
איז לעבן דער טויט,
באַשיידונג און זין.

אַז טויט זענען, טויט
שולמית און רות
און קלעאָפּאַטראַ —
איז טויט אַ גענוס,
איז ליבע דער טויט,
אַן אייביקער קוש,
אַן אייביקער גלוסט
פאַר איטלעכן חוש.

אַז דוד איז טויט,
הלוי, ביזע,
פעטראַרקאַ און ליסט,
ווערלען, לי־טאַי־פּע —
איז טויט אַ געזאַנג
פון כאָר און קלאַוויר.
פון פידל און פלייט —
אַ שיר, מזמור שיר.

מיליאָנען יאָר טויט
מיט מיליאָנען יאָר ח״י —
מיט די לעבנס פון די,
וואָס גייען פאַרביי — — —
און ס׳טרינקען די נאַכט
און דער מאָרגנרויט,
די ערד און דער ים
„לחיים״ צום טויט.

„לחיים״ צום טויט
מיט דורות געדאַנק,
מיט דורות געזאַנג,
מיט דורות פאַרלאַנג —
דעם מלכות פון טויט
אויף אייביק פאַרטרויט — —
דערפאַר — בלויז דער נאַר
האָט פאָרכט פאַרן טויט.

טראָפּנס זון...

ס׳איז טאָג נאָך, נאָר כ׳שפּיר דורך פענצטער שוין דעם אָוונט.
לבנה גנבעט זיך אין זונס רשות אַריין;
און ס׳וויגט זיך מיין געמיט איצט, ווי אַ קינד אין וויגל,
צווישן ליכט און פינצטער, צווישן זיין־נישט־זיין.

ס׳ווערט טונקעלער אַלץ. מיין קאָפּ אויף ראַנד פון פענצטער
זעט זון איצט ווי אַ רויטע, בלוטנדיקע וווּנד;
פון ביכער־שאַפע קומט אַ קול: אחרימון
און אַהורא־מאַזדאַ ראַנגלען זיך אַצונד.

אויף מיין דרימלדיקן קאָפּ איצט טריפן, טריפן
די לעצטע טראָפּנס זון, ווי הייסע טראָפּנס בלוט;
איך הער מיט אַלע חושים ווי גאָטאַמאַ בודאַ
און דער שפּאָלער זיידע פירן אַ דיספּוט.

דער שפּאָלער זיידע שמייכלט ליב: „אונדז האָט געלערנט
ישראל דער בעל־שם, אַז אַלץ איז לויטער פרייד;
די פרייד, דער קוואַל, וואָס טרינקט־אָן אַלע וואָרצלען
פון בוים און מענטש, פון גראָזן און פון רייד“.

זאָגט בודאַ שטיל: „ס׳איז אַלצדינג לויטער דימיון,
די זון, די שטערן און דעם הימלס פאַרב;
טו־אויס זיך פון די ערדישע הנאות,
באַהעפט זיך מיט דעם גרויסן גאָרנישט — שטאַרב!“

כ׳הייב־אויף דעם קאָפּ. די שטוב איז פול מיט חלום.
איך לויף אַרויס צו שטערן און לאַמטערן־שיין;
און ס׳דאַכט מיר: יעדער מענטש איז אַ בעל־שם־טוב,
נאָר איך, ווי בודאַ, וואָגל אין נישט־זיין...

פּראָצעסיע

פאָנען פלאַטערן, פאָנען —
פאָנען פון אַלע פאַרבן;
אַ שיף קומט־אָן אין האַפן,
איר פאַן — אַ טויטער שאַרבן.

מחנות מאַרשירן, מחנות —
טריט ווײַנען, מאָנען, בעטן;
פאָרויס דרײַ פײַקלערס ציִען,
דרײַ פײַקלערס — דרײַ סקעלעטן.

די פּויקן — פּויקן, פּויקן,
די מחנות שפּאַנען, שפּאַנען;
בום־בום — פון וווּ? פון וועמען?
בום־בום — וווהין? ביז וואַנען?

לעפצן ציטערן, לעפצן.
אין שטומקייט קעפּ געבויגן;
נאָר באַראַבאַנען רוישן,
נאָר לידער אין די אויגן.

פאָנען פלאַטערן, פאָנען —
פאָנען פון אַלע פאַרבן;
די זון פאַרגייט. די מחנות
מאַרשירן ערגעץ — שטאַרבן.

דער נביא

איטלעכער מענטש איז אַ נביא,
וואָס מוסרט און שטראָפט זיך אַליין;
יעדע וואַנט איז אַ כותל־מערבי,
וואָס יאָמערט מיט אונדזער געוויין.

אַזוי ווי דעם נביא זכריה —
מיר טייטן דעם נביא אין זיך;
רוישט זיין בלוט — אַ רויט־פלאַמיקע אַריע —
אין קדשי־קדשים פון „איך".

צווישן מיליאָנען...

ווי ווייל איז דעם, וואָס ווי אַ וואַסער־טראָפּן,
וואָס לעזט זיך אויף אין ווירבלדיקע שטראָמען,
לעזט ער זיך אויף אין צער פון די מיליאָנען,
אין פרייד פון רוישנדיקע, פלאַטערדיקע פאָנען.

געבענטשט איז דער ביי מערב־וואַנט, ביים כותל,
וואָס וויינט מיט דורות, אין די אייביקייטן —
אַ טרער אין דעם געוויין פון פאָלק אין טרויער,
אַ זעמדל אויפן מדבר־וועג — צום גאולה־טויער.

נאָר איך — אַ פרעמדער ביי די שוועלן פון דורות,
פאַרשעמט ביי אַלע וועגט און אַלע טייכן;
אַ טויב אָן איינזאַמע — דאָס איז מיין נאָמען,
מיט ליפּן שטום, ווען די מיליאָנען זאָגן: אמן.

און בין איך מער ווי מילב דען צווישן מילבן,
צי בין איך מער ווי זילב דען צווישן זילבן?
אַ וואַסער־טראָפּן צווישן וואַסער־טראָפּנס —
נאָר ס׳קריגן זיך די שטיינער מיר צוקאָפּנס.

ס׳וויל קיינער פון די שטיינער מיך נישט האָבן — — — —
און גערן וואָלט איך דאָ אַריינגעגראָבן
דעם מידן קאָפּ אין זאַמד — און ערד געוואָרן,
אַ נערונג אפשר פאַר אַ יתומדיקן דאָרן...

כינעזער

זיי שלייכן זיך
מיט דראָבנע טריט
אויף פרעמדן שליאַך —
טריט־טראָט — איינזילביק
ווי די שפּראַך
פון כינע־לאַנד — —
און ווי זיי וואָלטן זיך געהיט
נישט אויפצוטרייסלען דאָס געמיט
פון ווייסע, שטאָלצע האַרן
אויף פרעמדע טראָטואַרן.

טריט־טראָט, טריט־טראָט
בייטאָג, ביינאַכט
דורך פרעמדער שטאָט —
די קעפּ — צו דר׳ערד,
צו שטיין, צו שיך,
פאַרטיפט אין וואָס — אין וועלט? אין זיך?
נאָר די מאַנדל־אויגן, שטאַר —
מיט צען טויזנט יאָרן צער
פון הונדערטער מיליאָנען —
דערציילן וואָס און מאָנען.

יעקב גייט

ויצא יעקב — יעקב גייט,
ווערט אויף וועגן אַזאַ פרייד.
אַזאַ פרייד, אַזאַ געזאַנג —
אין זיין גאַנג.

פון באר־שבע ביזקל חרן
בלאָזט דער ווינט, ווי אין אַ האָרן:
מאַכט אַ וואָרע, זייט געגרייט —
יעקב גייט!

בייגן ביימער איין די צווייגן
מיט די טייטלען, ניס און פייגן —
כיבוד פיינעם, ווי עס פּאַסט
אַזאַ גאַסט.

זינגען זאַנגען אים אַ זמר.
קינדער, רינדער, עופות, לעמער
הוליען — טוליען זיך מיט פרייד
צו זיין קלייד.

קוועלן קוואַלן, לאַכן זאַכן —
שטויבן, דרויבן אויף די שליאַכן.
און ס׳באַגלייט דעם פּאַסטוכס פּלייט:
יעקב גייט!

אַלע זענען מיר פּאָעטן...

מען קען זיין אַ קינסטלער־גדול
מיט דער דראַטווע, מיט דער נאָדל,
מיטן האַמער, מיט דער סאָכע —
אויב מען טוט נאָר מיט אַ ברכה,
אויב מיט ליבע און מיט פרייד
ווערט געאַקערט, צי געניית.

קונסט איז דאָ אין שיינעם רעקל,
אין דעם גוטן שוסטערס פלעקל,
אין דעם קנעפל־מאַכערס קנעפלעך
און אין זעצערס שיינע „קעפלעך",
און אין פויערס זעי און שניט —
אַלץ איז דיכטונג, אַלץ איז ליד!

מען דאַרף זיין געבענטשט מיט מוזע
צוצושניידן שיין אַ בלוזע,
אויסצוקנעטן שיין אַ קיכל,
אויסצוהעפטן שיין אַ טיכל,
אויסצוצאַצקען אַ פריזור —
ליד פון חלום און נאַטור!

אַלע זענען מיר פּאָעטן.
לידער — אָדעס און סאָנעטן —
זענען דאָ נישט נאָר אין ביכער —
אויך אין מופּטעס און אין טיכער,
אויך אין טיש, אין לאָמפּ, אין שראַנק —
אַלץ געזאַנג איז און געדאַנק.

קוועלט דערפֿאַר אַמאָל אַ היטל,
קנײטשט זיך לירישֿ־ווייך אַ קיטל,
זינגט אַ קלייד אַראָפּ פֿון גלידער.
און אַ מענטש — אַ זאַמלונג לידער —
שפּאַנט פֿאַרטראַכט, פֿאַרטיפֿט אין זיך,
און עס ווײַנען זײַנע שיך.

מלחמה...

אויף יענער זייט ים איז דער קריג.
אויף יענער זייט ים שרייט דער האַס.
און איך ליג אין שטוב דאָ און ליג
און האָרך צו דעם רויש פון דער גאַס.

איך האָרך צו דעם רויש פון דער גאַס
און איך שפּיר מיטן בלוט און געביין:
אין מיר איז דער קריג און דער האַס,
אין מיר איז דאָס חורבן־געוויין.

אין מיר איז דאָס חורבן־געוויין,
אין מיר טריאומפירט דער טויט.
מיין שונא — דאָס בין איך אַליין
און צעשמעטער, וואָס איך האָב געבויט.

איך צעשמעטער, וואָס איך האָב געבויט
און קוועל פון מיין אייגענעם שפּאָט;
איך ווייס, אַז ס׳איז עמיצער טויט,
נאָר כ׳ווייס נישט, צי איך, אָדער גאָט.

צו דער טויב...

ביי מילב און מוראַשקע בין איך אַ גאָט —
לעבן און טויט איז פאַר זיי אין מיין טראָט.

אַ גאָט בין איך אויך פאַר שוואַלב און פאַר טויב —
זיי בעטן אויף ברעקעלעך ברויט ביי מיין שויב.

און ווער — און וואָס — בין איך אין שטאָלענער שטאָט?
אַ וואָרעם צופוסנס מאַשינען, אַ קראָט.

אַ שטומער, אָן האָפענונג, אָן תפילה, אָן לויב —
הייב איך מיט קנאה מיין בליק צו דער טויב.

באַהעפטונג

צי וויל דאָס גרעזל זיין אַ וואַלד?
איך וויל זיין — מיליאָנען;
איך וויל מען זאָל אין מיין געשטאַלט
מיין אייביק פאָלק דערקאָנען.

ווער ווייס, צי איינזאַם איז אַ גראָז
צווישן אַלע גראָזן;
נאָר איך בין איינזאַם ווי אַ האָז
אין נאָרע ווו, פאַרלאָזן.

איך האָב געוואָלט אין זיך אַליין
די גאַנצע וועלט באַהאַלטן;
געזען בלויז אייגענעם געביין
אין אַלערליי געשטאַלטן.

נאָר ווען אומגליקן און צער
באַלאַגערן מיין טויער —
שטיי איך אַ הילפלאָזער, אַ נאַר,
אָן טרייסטונג אין מיין טרויער.

שווער צו זיין איין גראָז אין פעלד,
איין בוים, אָן ברידער־ביימער;
און שווערער נאָך — אַ מענטש אָן וועלט,
אַ וויטער, אַ געהיימער...

כ'וויל באַהעפטן זיך מיט מער,
מיט פאָלק אין אומגליק קלאָגן;
און נאָך מיין טויט זאָל וויינען ווער
און קדיש נאָך מיר זאָגן.

בריוו

די לופט אין צימער ווערט דינער,
די נאַכט איז שווער און טיף;
איך זיץ ביי דער לאָמפּ און לייען
אַלטע, צעקנייטשטע בריוו.

די שטוב ווערט פול מיט געשטאַלטן,
אַ קול אַ ווייטער רופט;
איך פיל ווי הינטער די פּלייצעס
אָטעמט ווער קאַלטע לופט.

די לאָמפּ פאַרלעשט זיך. און פינצטער
ווערט אין מיר און אין הויז;
און אויגן, ווי פייער־פליגן,
לייכטן־אויף — לעשן זיך אויס.

ביים שכן זינגט איצט אַ מיידל
אַ לבנה־מאָטיוו;
איך שרייב ביים שיין פון לבנה
אַן ענטפער אויף אַלטע בריוו.

לויה

איך גיי נאָך מיין אייגענער לויה
און לופטיק און ווינטיק־גרינג איז מיין שפּאַן;
מיטן ניגון פון אָמר־אביי
וויינט אַן אומבאַקאַנטער מאַן.

די גאַסן, ווי וואָלקנס רויך און נעפּל,
גיסן זיך צונויף מיט הימלשן סטעפּ;
די זון — אַ גרויסער, גאָלדענער עפּל —
וויגט זיך, וויגט זיך איבער קעפּ.

קעפּ צינדן זיך אָן אין לעצטן פלאַקער,
פעלד לויפט אַנטקעגן, געשאָכטן, רויט;
אין ווייטן ווו — אַ מאַן מיט אַן אַקער
פאַרפלאַנצט קערנער — פרישן טויט.

מויערן לעשן זיך אויס, ווי ליכטער
און ס׳פאַרלעשט זיך אויך דאָס פרעמדע געוויין;
אין רויך צערינען טריט און געזיכטער
און לופטיק שפּאַן איך אַליין.

מיטנאַכט

אין מיטן נאַכט איז איטלעכער אַן אַנדערער,
אַ בעסערער, אַ שענערער;
אין פינצטערניש, ווי אַ פאַרלאָזטער וואַנדערער,
דערפילסטו זיך אַ קלענערער.

אין מיטן נאַכט איז יעדער אַ פאַרלוירענער,
אַן איינזאַמער, צעפייניקטער;
ווי אויפגעלעזט אין נאַכט, אַ נישט־געבוירענער,
און דאָך מיט אַלץ פאַראייניקטער.

אין מיטן נאַכט, אין פינצטערניש געפּענטעטער,
שטיל גייט דאָס האַרץ אויס בעטנדיק;
צום טויט מיט אַלע חושים אַ דערנענטערטער,
דו הערסט די דורות טרעטנדיק.

ברידער

אין איטלעכן איינעם פון אונדז,
אין אונדזער געביין, אין די גלידער —
געראַנגל פון פיינטלעכע ברידער.

אין שטילקייט פון תאווהשער נאַכט
צעררייסט אונדז דאָס בלוטיקע שרייען,
דער יאָמער פון הבל און קין.

ס׳צעטרייסלט אונדז עשוס געברום
און יעקבס פרום־האַרציקע תפילה —
קול צדיק און קול פון גאָרילע.

מיר זענען אויך יוסף אַמאָל
און זיינע פאַרקויפער, די ברידער —
דערפאַר ווייגען אונדזערע גלידער.

וישמח משה

וישמח משה —
ס׳האָט זיך משה געפרייט
מיטן אייגענעם גוף,
מיט די אייגענע רייד,
מיט די שטערן אין רוים,
מיטן גראָז אויף דער ערד,
מיט אַלץ, וואָס איז דאָ,
מיט אַלץ, וואָס באַשערט.

וישמח משה —
ס׳האָט זיך משה געפרייט
מיטן מדבר, וואָס האָט
פאַר זיין בליק זיך געשפרייט,
מיטן כוח אין אים,
וואָס דערקענט האָט, דערקענט
דעם אייביקן פלאַם
אין דאָרן, וואָס ברענט.

וישמח משה —
ס׳האָט זיך משה געפרייט
מיט דער שליחות, וואָס האָט
אין אים זיך געגרייט — — — —
און דער גאַנצער אַרום
האָט געגרייט זיך מיט אים
צו האָרכן זיין וואָרט,
צו צעטראָגן זיין שטים.

דער איינזאַמער

דער איינזאַמער ליגט טויט אין הויז
און ס׳וויס דערפון דאָס מייזל בלויז,
וואָס שפּרינגט אַרום, אַריין, אַרויס.

ס׳קלינגט־אָן אין טיר דער פּאָטשטאַליאָן.
אַ בריוו פון אויסלאַנד! — זאָגט ער אָן.
ס׳צעפּילדערט זיך דער טעלעפאָן.

און באַלד איז ווידער שטיל אין הויז.
דאָס גראָע, פלינקע מייזל בלויז
צעשטערט די טויטע רו אין הויז

דוד עדעלשטאַט

דער טאָג אין גסיסה איבער דענווער,
דאָס זונבלוט טריפט אויף גראָז און בלאַט;
און אין אַן אָרעם שטיבל גוססט
דער דיכטער דוד עדעלשטאַט.

דער דאָקטער און דעם קראַנקנס שוועסטער
שטום שטייען לעבן דיכטערס בעט;
נאָר פאַר דעם דיכטערס בליק מאַרשירן
באַפרייטע מאַסן פון די שטעט.

געזאַנגען, פאָנען, רופן, לידער
פון דעם באַפרייטן קריסט און ייִד;
אַ שמייכל שפּילט אויף דיכטערס פּנים
און זיינע ליפּן מורמלען מיד:

„אָ, גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מיין קבר אונדזער פאָן,
די פרייע פאָן מיט רויטע פאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן".

פון הינטער בערג די קאָלאָראַדער
אַן עכאָ פון מיליאָנען טריט;
די זון, דאָס ליד און מידער דיכטער
פאַרלעשן שטיל זיך — זאַלבעדריט.

נח פרילוצקי

פון סמאָטשע, סטאַווקע, ניזקע, שליסקע
און פון די שטעטלעך — נאָנט און ווייט —
עס ציט זיך פאָלק צו שוויענטע קזשיסקע,
זקנים, ווייבער, יונגעלייט.

מיט פעקלעך און מיט הוילע פאָלעס
קומט ס׳פאָלק צו נחן צו גיין;
פרילוצקיס הויז איז פול מיט גלות,
מיט קרעכץ און פאָלקסליד און געוויין.

מען נעמט פון ייִדן צו פרנסה.
„אוי, ראַטעוועט, הער אַדוואָקאַט!״;
נאָר דאָ האָט נח אַ בקשה:
„זאָגט איבער ס׳ווערטל אַקוראַט!״...

פרילוצקי שרייבט, פאַרשרייבט פאַפירן:
משפטים — לידער — רעדנסאַרט;
זיין פעדער איילט — נישט צו פאַרלירן
אַ ייִדיש ווערטל, קלוג און צאַרט.

ער הערט און פאַרשט אַיעדע מינע
און זאַפּט זיך אָן מיט יעדנס צער;
און טיילמאָל איז אַ ליד, אַ תחינה
זיין איינציקער און העכסטער שכר.

וואַך אויף! וואַך אויף!

גענוג שוין געחלומט, אַלמי,
ס'איז שפּעט, וואַך אויף, וואַך אויף!
ביסט אַן אָרעמער ירושלמי,
וואָס פּאַשעט אַליין זיינע שאָף.

אין קרוין, אין איידלשטיינער
האָט זיך דער טרויער פאַרשטעלט;
חלומען קען יעדער איינער,
לעבן די וואָר — בלויז דער העלד.

חלומות, ווי מאַיאָס שלייער,
פאַלן אויף דר'ערד, פאַרשטויבט;
מיראַזש פון מדבר־גייער
איז אַלץ, וואָס דו האָסט געגלויבט.

אויב ס'איז נאָך פאַראַן וואָס — נעם עס,
טרינק אויס ביז דנאָ דאָס יאָר:
דער חלום איז נישט אמת,
בלויז איינמאָל קומט די וואָר.

אמר רב יוחנן הסנדלר

יעדן שבת — וואָך־איין און וואָך־אויס —
קאָפּ אויף קאָפּ אין דער שוסטערשער קלויז.
נישט נאָר שוסטערס — אויך טעפּערס און שמידן
און סתם באַלעבאַטישע ייִדן,
אויך רב פּתחיה — אַ נגיד אַ יוסטער —
אַלץ קומט הערן רב יוחנן שוסטער.
און ס׳קוועלן
די שוסטער־געזעלן
ביים פענצטער, ביים טיר, אויף די טרעפּ:
„ס׳קלאַפּט אַ שוסטער אַריין אין די קעפּ
גאָטס תורה, גאָטס הייליקע שריפט —
אַ שטיפט נאָך אַ שטיפט"...

א.

דער עיקר

אמר רב יוחנן הסנדלר,
זאָגט רב יוחנן דער שוסטער:
די תורה אָן ייִדן,
איז ווי אַ שוך אָן אַ מוסטער.

אַ ייִד אָן דער תורה,
איז אַ באָרוועסער קריכער,
וואָס צעבלוטיקט די פיס זיך
און זיין גאַנג איז נישט זיכער.

רב יוחנן לאַסטשעט
מיט ליבע די לעדער — —

ויאמר: שיך און שטיוול
גייט אָנגעטון יעדער.

אָבער נישט דער שטיוול,
נישט דער שוך איז דער עיקר:
דער עיקר דער גאַנג איז —
צי אַ גלייכער, צי שיכור.

און נישט אַזוי דווקא
דער גאַנג — ווי דער אופן:
טייל פּיס טרעטן לאַנגזאַם
און אַנדערע לויפן.

ויאמר... דעריבער
טו איך אייך דאָ זאָגן:
ווער ס׳שפּאַנט און ווער ס׳איילט זיך,
וועט אַלצאיינס נישט דעריאָגן.

נישט שפּאַנען, נישט איילן,
נישט וואַקלען זיך שיכור:
דער עיקר — דאָס וויסן,
דער ציל איז דער עיקר.

נישט דער שטיוול איז שולדיק,
אויב דער וועג איז אַ שלעכטער,
נאָר דער פוס — און דער שכל,
וואָס דאַרף זיין זיין וועכטער.

נישט די תורה איז שולדיק
אין דעם שלעכטס דעם געדיכטן —
נאָר דער מענטש, וואָס ער ווייסט נישט
זיין וועג ווי צו ריכטן.

ב.

שטיוול

אמר רב יוחנן הסנדלר,
זאָגט רב יוחנן דער שוסטער:
דער בעסטער און דער שענסטער שטיוול
איז אָן אַ פוס — אַ פוסטער.

דער שטיוול, ווי דאָס איז ידוע,
איז פאַרן פוס געגעבן;
דער פוס ערשט גיט דעם שטיוול
פלאַטער, דופק, לעבן.

אונדזער וועלט איז אַזאַ שטיוול.
וואָס וואָלט וועלט געווען אָן מענטשן,
וואָס זאָלן דעם באַשעפערס ווונדער
באַוווּנדערן און בענטשן?

ג.

מזמור שיר לשוסטער

אַזוי ווי כביכול
אויף זיין שטול —
אַזוי איז דער שוסטער
ביים קאַפּול.

שטיק לעדער אָן פאָרעם,
אָן געשטאַלט — —
תוהו־ובוהו —
אָבער — באַלד — —

דער שוסטער, דער מייסטער,
פלינקע האַנט — —

די לעדער קריגט פּאָרעם,
קריגט פאַרשטאַנד.

די אָל און די דראַטווע
און געדאַנק —
באַגלייט פון שוסטערלס
פרייד־געזאַנג — —

אַ שיכל, אַ שטיוול,
אַ סאַנדאַל;
אויפן שוסטערלס פּנים
שפּילט אַ שטראַל.

אין שוסטערלס אויגן
חלום שפּינט:
באַשוכט זענען אַלע,
מאַן און קינד.

באַשוכט זענען אַלע —
דאַנק און לויב!
אַ שיכל פון לעדער,
מענטש פון שטויב.

העמערל, העמערל
פּלאַטערט, ברענט — —
אַ שיכל, אַ ברכה
וואַקסט פון הענט.

אַ שיכל, אַ תפילה,
טריט און טראָט — —
אַ זמר צו מענטשן
און צו גאָט.

ד.

חכמה

קוק זיך גוט אַרום, בן־אדם,
צו דער ערד און צו דעם הימל:
וויפל חכמה, וויפל שיינקייט
איז פאַראַן אין קלענסטן בלימל.

וויפל חכמה, וויפל שיינקייט
אין דעם שטיינדל און אין גרעזל;
אין דעם וואַסער־טראָפּ, אין פויגל,
אין דעם קראָליק און אין העזל.

ס׳קלענסטע איז ביים בורא־עולם
אַזוי חשוב ווי דאָס גרעסטע;
ס׳נידעריקסטע, ווי דאָס העכסטע,
דאָס געמיינסטע, ווי דאָס בעסטע.

ווי ביים מענטשן איז גלייך חשוב
יעדעס גליד זיינס, אַלע גלידער;
ווי אַלע אותיות און ווערטער
זענען הייליק גלייך אין סידור.

וואָרן אַלץ איז איין האַרמאָניע,
אַלץ פאַרוועבט איז אין גאָטס מוסטער — — —
אַזוי זאָגט אני הקטן,
איך, רב יוחנן דער שוסטער.

ה.

שלמות

זוך נישט שלמות — נישט אין שלמות,
נאָר אין ווייטער, העכער שטרעבן,
אין דעם ווילן צו גרייכן שלמות
איז דער תכלית פון דעם לעבן.

לערן, מענטש, דערפון אַ מוסר:
וואָס דו זאָלסט אַזוינס נישט טוען —
טו מיט חשק און מיט שכל,
וועט אויף דיר גאָטס חסד רוען.

איז באַשערט דיר זיין אַ שוסטער,
צי אַ בלעכער, צי אַ פּויער;
רב, צי וועבער, שמיד, צי בעקער,
צי אַ שומר פאַרן טויער —

טו מיט ליבע דיין מלאכה,
לייג דערין אַריין דיין רצון —
און גאָטס חכמה און זיין ברכה
וועלן פון דיין אַרבעט שפּראָצן.

יעדע אַרבעט גרויסט גאָטס נאָמען,
יעדע מי באַשיינט גאָטס מוסטער — — — —
אַזוי זאָגט אני הקטן,
אייער יוחנן דער שוסטער.

ו.

שכנים

איך זאָג דאָס איך און יעדן איינעם,
איך אַלע, ווען ס׳איז באַשערט
צו זיין פון וויג ביז קבר שכנים
דאָ, אויף דער ערד:

אונדז אַלע איז באַשערט צו טיילן
דעם יאָך פון לעבן און פון טויט;
און יאָרן, טעג און שעהען ציילן,
ווי לאַבנס ברויט.

די ערד האָט גאָט מיט גנאָד געגעבן
פאַר אַלע מענטשנקינדער גלייך;
און ווער עס טוט אויף יענעמס לעבן
דאָ ווערן רייך —

און ווער עס פילט נישט יענעמס טרויער
און דעם באַוואוסטנס געוויין —
ווערט אַ פאַרשעמטער פאַר גאָטס טויער
אויף אייביק שטיין.

ז.

לויב צו גאָט

אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס איך בין דאָ,
וואָס דו האָסט אין דיין גנאָד באַשערט,
אַז איך זאָל זיין אַ לעבנס־טראָפּ
דאָ, אויף דיין ווונדערלעכער ערד.

אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס כ׳בין אַ מענטש
און נישט קיין חיה, נישט קיין פלאַנץ —

און כ׳קען דיר דינען מיט פאַרשטאַנד
און מיטן האַרץ — אין גלויבן גאַנץ.

אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס כ׳בין אַ ייִד
און נישט קיין הייד, וואָס דינט צום געץ —
און כ׳האָב דעם זכות צו טראָגן שטאָלץ
דיין סיני־וואָרט און דיין געזעץ.

אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס ס׳איז מיין שפּייז
אויף אַ מלאכה אָנפאַרטרויט —
און כ׳דאַרף נישט פון דיין תורה־קוואַל
פאַרדינען זיך מיין טעגלעך ברויט.

ח.

באהבה

דער ייִד, וואָס איז צו גאָט מתפּלל
אויס מורא פאַר אַ בייזן גזר,
ווי דער, וואָס זינגט צום בורא הלל,
דערוואַרטנדיק דערפאַר אַ שכר —

דער איז אין האַרץ אַ געצנדינער,
אַ הייד, וואָס קען נישט גאָטס געשטאַלט —
זיין תּפילה איז נישט מער, נישט מינער
ווי ס׳וואָיען פון דעם וואָלף אין וואַלד.

בלויז דער, וואָס פילט אין זיינע ביינער
אַ נאָנט באַהעפטעניש מיט גאָט —
האָט אין געדאַנק — אַ לויטער־ריינער —
דערגרייכט די טיפן פון אחד.

אַזוינער בלויז דינט גאָט באהבה,
ווי ס׳דינט אונדז גאָט אין יעדער שעה,

זינט ערשטע טעג פון אדם־חוה,
זינט ערד איז שוואַרץ און הימל בלאָ.

דען ס׳דינט אונדז גאָט מיט זון און רעגן,
מיט ברויט, מיט גרינסן און מיט פרוכט,
מיט אַ פאַרשטאַנד צו טראַכטן, פרעגן
און מיט אַ גייסט, וואָס פאָרשט און זוכט.

באַפרייט דעריבער ס׳האַרץ פון שרעקן,
ווי פון דער גלוסטעניש נאָך שכר —
ס׳וועט דעמאָלט זיך אין אייך אַנטפּלעקן
דער פולער זין פון פרייד און צער.

3

ט.

בראשית

בראשית ברא אלוהים.
אומעטום כביכולס שטים.
תוהו הערט זיך צו צו אים.

אָט איז גאָלער נישט — נישטאָ.
מיטאַמאָל — אַ וועלט איז דאָ —
אין אַ מזלדיקער שעה.

ערד און הימל, בלאָער דאַך.
שטערן, שטערן — אַזאַ סך,
ווי די אותיות אין תנ״ך.

אדם — איינס און חוה — צוויי.
ערשטער האָן גיט ערשטן קריי.
ערשטע הון לייגט ס׳ערשטע איי.

אָט אַ באַרג און באַלד אַ טייך,
הויך און נידער, קרום און גלייך,
ווי אין אונדז, אין מיר, אין אייך.

ס׳ערשטע פעלד האָט זיך צעבליט,
זון האָט קוים זיך ערשט צעגליט —
און אָט וואָגלט שוין אַ ייִד.

ערשטע זינד און ערשטע שטראָף
און אַז גאָט זעט־איין: כי־טוב —
וועט אַלץ גוט זיין — סוף־כל־סוף.

י.

תהילים

למנצח מזמור שיר,
מזמור שיר לדוד —
אַזוי שיין געזונגען
האָט אונדזער מלך דוד
און ביזן כסא הכבוד
גרייכט דודס מזמור שיר
און ביז דער מינדסטער טיר
פון מינדסטן קבצנס הויז,
ביז וואַרשטאַט און ביז קלויז,
ביז שומר אויפן באַרג,
ביז קרעמער אויפן מאַרק — — —
און אַלע זאָגן תהילים
מיטן מלך דוד —
פאַר כביכולס כבוד,
פאַרן מענטשנס כבוד — — —
מזמור שיר לדוד —
אַלע ייִדנס תהילים,

אַלע מענטשנס תהילים,
אַלע וועלטנס תהילים — — —
תהילים — אַ געזאַנג,
תהילים — אַ געדאַנק,
תהילים — אַ געוויין,
פון יעדן חוש און ביין.
תהילים — רוף און שבח
פון איינעם און אַ סך,
פון אַלע און אַליין —
און זיבן טויזנט חן
האָט אונדזער זיסער תהילים —
לאָמיר זאָגן תהילים,
מזמור שיר לדוד,
מזמור, מזמור שיר —
ווויל איז איך און מיר!

יא.

צלם אלוהים

זיצט רב יוחנן הסנדלר ביים קאָפּול,
ווערט ס׳הויז מיט האַמער־קלעפּ און תורה פול.
אַ שווינג דעם האַמער און צום ווייב אַזוי:
ווי ס׳לעכצט דער מאַנצביל נאָך דער פרוי
און ווי די פרוי לעכצט נאָכן מאַן —
אַזוי לעכצן אַלע זאַכן, וואָס פאַראַן,
נאָך דעם באַריר פון מענטשנס הענט,
נאָכן אָטעם זיינעם, נאָך זיין שטים
און דורך דעם מענטש — צום סנה, וואָס ברענט,
צו חלק צלם־אלוהים.

ווייל אַלץ וויל האָבן אַ געשטאַלט —
דער שטיין, דאָס שטאָל, דער וועג אין וואַלד,
די לעדער, ס׳אייזן און דאָס ברעט.
פון אַלצדינג טראָגט זיך אַ געבעט:
בן־אדם, גיב אונדז פאָרעם, גיב אונדז תוך,
לייז אונדז אויס פון טויטן יאָך.
ליבערשט זיין אַ פליג, אַ מילב,
אָדער אין אַ ליד אַ זילב,
איידער זיין אַ באַרג, פאַרגליווערט, שטום
אין דער לעבעדיקער וועלט אַרום.

און דערפאַר
ציט יעדע זאַך מיט גלוסטעניש און צער
צום מענטש, צו זיין באַריר און שטים,
זיך צו מזווג זיין מיט אים,
כדי דורך אים געפינען תיקון דאָ
כאָטש אויף חיי־שעה.
דעריבער לאָסטשע איך די לעדער,
קלאַפּ־אויס אַ שיכעלע — אַ מוסטער —
און זאָג תורה — ס׳זאָל געניסן יעדער,
ווי איך, רב יוחנן דער שוסטער.

יב.

קלאַפּ, העמערל

קלאַפּ, העמערל, קלאַפּ —
קלאַפּ־אויס דאָס געזאַנג
צום שעפער פון אַלץ
און צו זיין געשאַנק.

קלאַפּ, העמערל, קלאַפּ —
קלאַפּ־אויס דאָס געבעט

פאַר אָרעמעלייט
אין דערפער, אין שטעט.

קלאַפּ, העמערל, קלאַפּ —
קלאַפּ־אויס דאָס געוויין
פון אַלץ, וואָס איז שטום,
פון גראָז און פון שטיין.

קלאַפּ, העמערל, קלאַפּ —
קלאַפּ־אויס דאָס געזאַנג
צום גואל — אַז גרינג
זאָל זיין אים זיין גאַנג.

יד.

הייליק

אַלע טעג זענען הייליק,
יעדער טאָג האָט אַ חלק
אין מי פון יצירה.
אַלע טעג זינגען שירה —
דורך אַרבעט, דורך מי —
צום בוראס יהי.

יעדע שירה איז הייליק.
אינעם כאָר האָט אַ חלק
דער סטאָליער, דער בויער,
דער שוסטער, דער פויער,
דער טעפער, דער שמיד —
אַזאַ וווּנדערלעך ליד.

אַלע טעג זענען הייליק.
יעדער טאָג האָט אַ חלק
אין שבת, די כלה,

אין טאָג איבער אַלע,
וואָס ברענגט אונדז די רו
פון גאָט ברוך־הוא.

ווי וויל איז אונדז, ייִדן,
בני־תורה און שמידן
און שוסטערס און וועבערס
און טעפּערס און גרעבערס,
וואָס אונדז איז באַשערט
גאָטס שבת אויף דר׳ערד.

יד.

נישט קיין חילוק

נישט קיין נידער, נישט קיין העכער,
ס׳איז דער ווייַן און נישט דער בעכער.
נישט קיין חילוק: אונטן, אויבן,
אויב אין האַרץ איז גאָט און גלויבן.

אַלע שטאָקן אין אַ בנין,
אַלע ייִדן אין אַ מנין,
אַלע פונקען אין אַ פייער
זענען נייטיק גלייַך און טייער.

ס׳נעמט מיליאַרדן זאַמדן, שטויבן,
אַז אַ באַרג זאָל זיך דערהויבן.
זעמדלעך אויבן, זעמדלעך אונטן,
אינדערמיט און אין די גרונטן.

קען אַ זעמדעלע פון אויבן
זיך נישט יחוסן און לויבן:
„איך בין פון די העכסטע שטאַמען!“
וואָרן באַרג איז — אַלץ צוזאַמען.

טו.

סוד און דרוש

יעדער פויער איז אַ למדן
אין דער ערד, אין אירע זאַמדן,
ווי ס׳איז דער בן־תורה — אויבן.
ביידע זענען גלייך דערהויבן.

ס׳איז די ערד דעם פויערס ספר
און ער ווייס: ס׳איז אָפּר... עפר.
מענטשנס מי און בוראס רצון
מאַכן שורות תבואה שפּראָצן.

אלה תולדות ווייץ און קאָרן,
ציבעלעס און קאַלאַפּיאָרן:
זאָמענדלעך און זון און רעגן —
מזל־טוב אויף אַלע וועגן.

ציִען זיך די שורות זאַנגען,
פול מיט חכמה, פול מיט קלאַנגען,
מיט געווירציקע פּירושים,
וואָס פאַרשיכורן די חושים.

סוד און דרוש אין יעדן בלעטל,
ווו אַ סוגיא, ווו אַ פּשטל —
אין די בעבלעך, אין די שויטן,
אין די מערן, אין די קרויטן.

און דער פויער — אַזאַ למדן —
לערנט תורה אין די זאַמדן:
ספר ערד, מסכתא זאָמען,
פּרק היי — ונאמר אמן.

טז.

יידיש גרינס

לייגט דער פּויער זיך אַנידער,
אויסצורוען זיינע גלידער,
צווישן גאַרבן, צווישן סטויגן —
מיט פאַרמאַכטע אויגן.

זעט ער: ס׳איז די גאַנצע סביבה
אַ גרינגראָזיקע ישיבה.
ס׳שאָקלען פרום זיך גרינסן, בלעטלעך
איבער טיפע פשטלעך.

הערט ער ווי רב פּאַסטערניאַקל
דרשנט: ס׳איז די ערד סך־הכל.
און רב ריבל פון בית רעטאַך
לערנט: אַלץ איז שטח.

תנו בוריקלעך און קרייטער:
אַלץ איז עתיד, אַלץ איז ווייטער.
שנאמר: לך־לך — געגאַנגען,
ווי דער ווינט דורך זאַנגען.

דבקהעט זיך רב אַרבעס־שויטל:
ערד איז שאָלעכץ בלויז, אַ הייטל.
ס׳אַרבעסל, דעם תוך דערינען,
דאַרף מען צו געפינען.

קוועלט דאָס פּויערל צופרידן,
וואָס אַפילו גרינס ביי יידן,
שאר־ירקותן און בשמים
רעדן ווי חכמים.

יז.

על הנסים

על הנסים — יעדע רגע,
יעדער פוס־טריט איז אַ נס;
נס פון פיר און צוואַנציק שעהען
דער מעת־לעת.

נס אין יעדן שלאָג פון דופק,
נס אין יעדן קלאַפּ פון האַרץ;
נס איז גרין, אין בלאָ, אין גינגאָלד
און אין שוואַרץ.

נס אין וואָרט און נס אין שווייגן,
נס אין וואַסער און אין פלאַם;
נס איז סוד און נס איז נגלה,
תוך און שטאַם.

נסים אויבן, נסים אונטן,
אין געטראַנק, אין ביסן ברויט;
נס אין בליִען, אין געבוירן
און אין טויט.

נס — דאָס וווּנדער, וואָס נאַטירלעך,
נס — נאַטירלעך, וואָס איז סוד;
נס איז איינסקייט פון יצירה,
מענטש און גאָט.

על הנסים — פון די נסים,
וואָס מיר זעען אין מעת־לעת —
איז דער גרעסטער נס: דאָס וויסן,
אַז ס׳איז נס...

יח.

ווערטער

ווערטער זענען קליידער,
פאַרביקע מלבושים —
פאַרן ציטער־פלאַטער
פון די חושים.

העמדער, שיך אין מאַנטלען,
אַלע מינים מאָדעס —
פאַר געפיל און שכל
און אגדהס...
מעסט־אָן דיינע ווערטער,
ווי די קליידער דיינע —
פאַסן זאָל דיין זאָגן
און דיין טענה.

טו דעריבער, מענטש, זיך
אָט אַזאַ מין נדר:
האַלטן ריין די ווערטער,
ווי די קליידער.

האַלטן ריין די קליידער,
ווי דיין לייב און גלידער;
און זאָל דיין נשמה
זיין אַ סידור.

ווערטער אינעם סידור,
תפילות אין די ווערטער;
שטיי פאַר גאָט אַ ריינער,
גאָטס באַשערטער!

ווערק פון א. אלמי:

די צווייטע עקזיסטענץ (וועגן ספיריטואַליזם)
ביי די ראַנדן (לידער)
אין עליאַש'ס קיניגרייך (לידער)
פאַר די ליכט (לידער)
די כינעזישע פילאָסאָפיע און פּאָעזיע
יידישע פאָלקס־מעשיות פון 1863
די רייד פון בודאַ
מענטש און וועלט (עסייען)
פּאַראַדיעס
הומאָרעסקעס און שאַרזשן
ווען ס'גלוסט זיך צו לאַכן (פעליעטאָנען)
אויפן וועג פון די געטער
(די מיטאָלאָגיעס פון מצרים, יאַפּאַן, אינדיע)
ליטעראַרישע נסיעות (עסייען)
מיט זיך און מיט אַנדערע (דערציילונגען)
מענטשן און אידייען (עסייען)
געקליבענע לידער
פּאַן־אָריענטאַליזם (וועגן אַ נייער יידישער אָריענטאַציע)
קריטיק און פּאָלעמיק
געזאַנג און געוויין (לידער)
מאָמענטן פון אַ לעבן (זכרונות)

אין פּויליש:

Legendy Zydowskie o Powstaniu

אין ענגליש:

Eternal Frontiers
Our Unfinished World
My Credo